Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

Majer Folksblat פרייז 20 גראשען

היינט 8 זייטען

# לאדזשער פאלקסבלאט

אומפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 74/1369 | Łódź, Poniedziałek 26 marca 928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג ה ניסן תרפ"ח | Nr. 74/1369

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 24-71. | Adres redakcji i administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 2471.

# ווער וועט זיין פרעזעס פון קאלא?

## שטארקע אפאזיציע געגען דער קאנדידאטור פון דעפ. הארטגלאס.

וו א ר ש א, 25 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). היינט קומט-פאר אונטער'ן פארזיץ פון ד"ר וויגאדזקי א זיצונג פון אלע יודישע דע-פוטאטען און סענאטארען. ביז איצט איז נאך נישט בעקומען צו קיין הסכם וועגען א קאנדידאט אויף א „קאלא"-פרעזעס הארטגלאסעס-קאנדידאטור טרעפט אן אויף א שטארקע אפאזיציע. דעפ. גרינבוים האט אבער קאטעגאריש ערקלערט, אז אויף קיין אנדערע קאנדידאטור וועט ער נישט איינגעהען.

וו א ר ש א, 25 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). היינט איז אויף מיאדאווא 7 פאר-געקומען א זיצונג פון הויפט-ראט פון די ענדעקעס. אין דער זיצונג האבען אנטייל-גענומען 150 פער-זאן. נאך די רעפעראטען פון גלאמבינסקי, ריבאר-סקי און יערטשאק און דער אדורכגעפיהרטער דיס-קוסיע, אין וועלכער ס'האט אויך אנטיילגענומען דמאווסקי, איז אויסגעדריקט געווארען אנערקענונג דעם הויפט-ראט.

* * *

די פארלאמענטארע גרופע פון „וויזוואלעניע" האט היינט אפגעהאלטען א זיצונג אונטער'ן פאר-זיץ פון דעפ. וואזשניצקי. ס'איז בעשלאסען געווא-רען צו שטיצען די קאנדידאטור פון דעפ. דאשינסקי אלס סיים-מארשאלעק און ארויסטרעטען געגען דער קאנדידאטור פון וויצע-פרעמיער בארטעל.

## אראבגעווארפען זיך פון 4-טען שטאק פער'סמ'ט, דערשאסען

## 3 זעלבסטמארדען פון יוד. מיידלעך אין ווארשא

וו א ר ש א, 25 (טעלעפאניש פון אונזער קא-רעספאנדענט). היינט זענען דא פארגעקומען 3 זעלבסטמארדען פון יונגע מיידלעך – 2 יודישע און 1 קריסטליכע.

אויף סאלנא 9 האט זיך פון פירטען שטאק אראבגעווארפען אנ'אונבעקאנט יודיש מיידעל. איהר נאמען איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען.

אויף זלאטא 20 האט זיך דערשאסען אויף טויט די 21-יעהריגע סטודענטין פון גיי-סאנץ פרימעט קישטער,

אויף כמיעלנא 11 האט זיך פער'סמ'ט די 22. יעהריגע סטאניסלאווא קעמפא. דאס מיידעל איז געווען מעוברת אין 9-טען חודש און האט זיך פער'סמ'ט אין טויער, וואו ס'וואוינט איהר פער-פיהרער.

## געוואלט אויס'סמ'ען מינסק.

## 300 פעסלעך אוגערקעס פער'סמט מיט ארשעניק

ווילנא, 25 (ספ. טעל.) פון מינסק מעלדעט מען: עפיס א געהיימנישפולע מאכט האט געפרובט צו מאכען גרויסע חורבנות צווישען דער בעפעל-קערונג אין שטאט. קיין מינסק זענען צוגעשטעלט געווארען 300 פעסער אוגערקעס, וועלכע זענען געווען פער'סמ'ט מיט ארשעניק, אין פעלויף פון איין טאג זענען געווען הונדערטער פערקראנקונגען. די מאכט האט אנגעהויבען אנ'ענערגישע אויס-פארשונג. אלע אוגערקעס אין שטאט זענען פערניכ-טעט געווארען.

## די גראנדיעזע מיסברויכען אין רייכסוועהר-מיניסטעריום

### פערשווענדעט 34 מיליאן מארק

בערלין 25 (ספ. טעל.) די פארלאמענ-טארישע אויספארשונגס-קאמיסיע פעסטצושטעלען די גראנדיעזע מיסברויכען אין רייכסוועהר-מיניס-טעריום און אין פלאט, האט אנגעהויבען איהר ארבייט. ס'שטעלט זיך ארויס, אז א געוויסער קא-פיטאן לאהמאן האט פערשווענדעט די קאלאסאלע סומע פון 34 מיליאן מארק, דער געוועזענער רייכסוועהר-מיניסטער געסלער טראגט די פעראנט-ווארטליכקייט פאר די דאזיגע מיסברויכען.

## מיינונגס-פערשידענהייטען איזדער קאמוניסטישער פארטיי

### צוליב ליטווינאווס ארויסטריט אין גענף

בערלין 25 (ספ. טעל.) די עמיגראנטישע צייטונג „רול" טיילט מיט, אז אין די אנפיהרענדע קאמוניסטישע קרייזען זענען פערהאן גרויסע מיי-נונגס-פערשידענהייטען צוליב דעם אויפפיהרען זיך פון דער סאוויעטישע דעלעגאציע אין גענף. דער לינקער פליגעל מיט בוכארינען בראש קעמפט צו-ריקצוציהען די סאוויעטישע דעלעגאציע פון גענף.

טשיטשערין ווידער האלט, אז מען מוז אנטיילנעמען אין די גענפער בעראטונגען, כדי נישט צו בלייבען אינגאנצען איזאלירט.

## בלוטיגער בירגער-קריג אין כינא

### 20 טויזענד טויטע, 100 טויזענד פער-וואונדעטע

לאנדאן 25 (ספ.טעל.) דער בירגער-קריג אין כינא האט זיך ווידער צופלאקערט, ס'איז פארגע-קומען א בלוטיגע שלאכט צווישען דער ארמיי פון לינג-פו און דער דרום-ארמיי. ס'זענען פערהאן 20 טויזענט טויטע און 100 טויזענד פערוואונדעטע.

## דייטשע אדוואקאטען וועלען פערטיי-דיגען די ארעסטירטע אינזשיניערען אין רוסלאנד.

מאסקווע. 25 (ספ. טעל.) ס'דארף פארקו-מען א נייע קאנפערענץ צווישען טשיטשערינען און דעם דייטשען אמבאסאדאר בראקדארף–ראנצוי וועגען גורל פון די ארעסטירטע דייטשע אינזשי-ניערען. דער בעשולדיגונגס-אקט וועט די ארעסטיר-טע איבערגעגעבען ווערען אין מיט'ן אפריל. די ג. פ. או. איז געגען צולאזען דייטשע אדוואקאטען. די רוסישע בעשולדיגטע וועט פערטיידיגען באבריטשעוו-פושקין.




צו קאנקורענץ = פרייזען!

לכבוד פסח!

פערשידענע ווינער שטיהל און גאלאנטעריע-מעבעל

פון גרעסטען ביז'ן קלענסטען קוואנטום פון די וועלט-בעריהמטע און עלטסטע פירמע

Tow. Akc. Fabryki Mebli Giętych

„Wojciechów"

קען מען בעקומען נאר ביי דעם הויפט-פערטרעטער אויף לאדז און אומגעגענד

א. וו. שעראקאוויאק, נאפיורקאווסקי 44 (רוג קילינסקי)

צופאהר-טראמוואי נומ' 17 און 4. | צופאהר-טראמוואי נומ' 17 און 4.

צו קאנקורענץ = פרייזען!

האנדווערקער-פאריין אין דער פויל. רעפ., זאכאדניא 66

אכטונג, פריזיער-מייסטער!

קומט אלע ווי איינער אויף דער וויכטיגער פערזאמלונג, וואס קומט פאר היינט, פונקט 9 אווענד, אויף וועלכער ס'וועט ענדגילטיג בעשלאסען ווערען דאס עפענען די הלואות-קאסע.

געדענקט, אז אויב די פערזאמלונג קומט היינט נישט פאר, האבען מיר שוין נישט אזא מעגליכקייט זיך צוזאמענצוקומען ביז איבער יום-טוב.

896

בעקאנטמאכונג.

די שומרי ומזהירי שבת אין לאדז מאכט אויפ-מערקזאם, אז די מוזיקער געבר. טויבע אין לאדז זענען ביי אונז מוחזק פאר שומרי שבת, דעריבער ליגט א חוב אויף יעדען יוד, וואס מאכט א שמחה, צו נעהמען די געבר. טויבע, ווייל אלע אנדערע מוזיקער האבען ביי אונז נאך נישט קיין חזקות פאר שומרי שבת.

שומרי ומזהירי שבת עם ועד הרבנים בראש.

להסיר מכשול!

להזהיר ולהודיע, אז די מצות, וואס ווערען געבאקען אין סטריקאוו און זענען נישט פערזעהען מיט מיין הכשר, ווערען געבאקען אהן שום השגחה.

יודל הערץ, מו"צ מסטריקוב.

969

מצה=רייבעכץ

כשר לפסח

איז צו בעקומען אין דער מיהל זגערזשער 30 A. ס'ווערט אויך דארט אנגענומען מצות צו מאהלען צו מעסיגע פרייזען.

970

